בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

267

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג אַ מַאמֶע מִיטְנֶעמֶען דָאס קְלֵיין אִינְגְל בַּיים שְׁוִוימֶען?..........א

בִּין אִיךְ מְחוּיָּב אַרַיינְצוּנֶעמֶען מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִוּיגֶער אוֹיף שַׁבָּת?..........ב

מֶעג אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ מֵיידְל?..........ד

וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין קִינְדֶער אוֹיף אֱמוּנָה שְׁאֵלוֹת?..........ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........א

הַלְוַואי זָאל עֶר הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן אוּן פָאלְגְן..........ב

הַנְהָגוֹת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וָואס גֶעפַאלְט אוֹם זוּנְטָאג..........ד

אִיךְ בְּלַייבּ אַ גֶעטְרֵייעֶר אִיד..........ד

טוּן וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, נִישְׁט לוֹיט וָואס יֶענֶער זָאגְט..........ו

וֶוען אִיר וֵויינְט בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט, זָאל דָאס זַיין מִיט שִׂמְחָה..........ז

הַרְגְ׳עֶ נִישְׁט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער..........ח

נֶעם נִישְׁט קַיין צַד אִין מַחֲלֹקֶת, נִישְׁט לְכַאן אוּן נִישְׁט לְכַאן..........ט

דַארְפְּסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה..........י

שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן..........י

יְשִׁיבָה קְטַנָּה פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר..........יא

נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל..........יא

דְרֵייוְון דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין..........יב

אוֹיבּ גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, קֶען מֶען הָאבְּן אַ שָׁאדְן..........יג

אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוערְט מֶען אַ נִישְׁט גוּטֶער..........יד

נֶעם דִי צְוֵויי זִיסֶע עֵצוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..........יד

אָנָא ה׳, הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִּיל צוּ צְנִיעוּת ............................. טו

דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין שִׁידוּכִים, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק.............................. טז

וֶוען מֶען הִיט דִי תּוֹרָה פַּאלְט מֶען נִישְׁט אִין קַיין עֲבֵרוֹת ............................ יז

אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זִיצְן צוּגֶעדֶעקְט מִיט צְנִיעוּת.................................... יח

אַ שָׁאד צוּ לוֹיפְן אַרְבֶּעטְן, קוּם עֶנְדֶערְשׁ אִין יְשִׁיבָה.................................. יט

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַלְטֶע אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע וֶוייטָאג דוּרְךְ אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה.................. יט

פַּאר דִי בִּיסְל הָאר, לוֹינְט זִיךְ צוּ לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?............................... כא

אִיבֶּער שְׁנַיידְן פְּרוּכְט בֵּיימֶער דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער רָב.............. כב

עֶנְדִיגְן מַגִיהַ זַיין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ ................................... כג

קוּמֶען אִין חֵדֶר מַאכְן חַאלַאקֶע.......................................................... כד

פַאר דִי פְּרוֹי אִיז ווִיכְטִיגֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין בַּאקוּמֶען חִיזוּק ווִי פַאר׳ן מַאן .............. כד

פַארְוָואס זָאג אִיךְ דִיר מֶער מוּסָר ווִי פַאר אַנְדֶערֶע?.................................... כו

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, טְרַאכְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער............. כז

גֶעב אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טוּן קַיין מָאדְנֶע זַאכְן ............................................ כח

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס צִיט מִיר צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?........................ כט

מֶען מוּז הָאבְן אַ קִיאָסְק אִין שְׁטֶעטְל ...................................................... לא

עֶרֶב שַׁבָּת אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר אַרְבֶּעט............................................... לג

אַ פְּלֶעי גֶעבּוֹיט אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס מַעֲשִׂיוֹת.................................................. לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג אַ מַאמֶע מִיטְנֶעמֶען דָאס קְלֵיין אִינְגְל בַּיים שְׁווִימֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן אַ קְלֵיין אִינְגְל פוּן דְרֵיי יָאר אַלְט, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל אִים מִיטְנֶעמֶען וֶוען זִי גֵייט שְׁווִימֶען, וַוייל עֶס קוּמֶען דָארְט קָאזִינְס אִין זַיין עֶלְטֶער, עֶר הָאט כִּמְעַט נִישְׁט קַיין אִינְגְלֶעךְ קָאזִינְס אִין זַיין עֶלְטֶער נָאר מֵיידְלֶעךְ אוּן עֶר שְׁפִּילְט מִיט זֵיי, אוּן וֶוען מַיין וַוייבּ נֶעמְט אִים מִיט בַּיים שְׁווִימֶען קֶען עֶר דָארְט שְׁפִּילְן מִיט דִי קָאזִינְס, אוּן עֶר הָאט הַנָאָה. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועל אִיךְ אִים מִיטְנֶעמֶען מִיט מִיר, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּפִּיל מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁפִּילְן דָארְט. מִיר ווִילְן אָבֶּער ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַּאר מַיין וַוייבּ אִים מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט זִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי צוּ נֶעמֶען אַ אִינְגְל פוּן דְרֵיי יָאר אַלְט בַּיים יַם וואוּ פְרוֹיעֶן שְׁווִימֶען; קֶענְסְט אִים נֶעמֶען וֶוען דִי מֶענֶער גֵייעֶן שְׁווִימֶען, אָבֶּער נִישְׁט וֶוען דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן שְׁווִימֶען.

בַּיי אוּנְז אִיז מֶען מַקְפִּיד אֲפִילוּ אוֹיף גָאר קְלֵיינֶע אִינְגְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין; אֲפִילוּ קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נָאכְנִישְׁט רֶעדְן -

**זֶעעֶן אוֹיךְ, און אוֹיב זֵיי זֶעעֶן אַ נִישְׁט גוּטֶע בִּילְד מַאכְט דָאס אוֹיךְ אַ פְּלֶעק אוֹיף זֵייעֶר הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**בִּין אִיךְ מְחוּיָב אַרַיינְצוּנֶעמֶען מַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער אוֹיף שַׁבָּת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין אוּנְזֶער קְלֵיינֶע פַארְשְׁטוּפְּטֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ אוֹיף שַׁבָּת, מִיט מַיין מַאנְ'ס הַסְכָּמָה.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אִיךְ פִּיל ווִי סֵיי מַיין שְׁוֶוער און סֵיי מַיין שְׁוִויגֶער וֶועלְן זַיין אִין מַיין נָאז אַ גַאנְץ שַׁבָּת און זוּנְטָאג, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע פְּרִיוַואטְקֵייט, אִיךְ גֵיי דַארְפְן שְׁלָאפְן אִין דִי קָאךְ מִיט אַ פוּרְהַאנְג, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דְרֵייעֶן בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט אִין מַיינֶע אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, אִיךְ גֵיי שְׁפִּירְן ווִי אַ פְרֶעמְדֶער גַאסְט אִין מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, אִיךְ גֵיי זַיין ווִי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט - בְּלוֹיז וַוייל מַיין מַאן וִויל גֶעבְּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ שַׁבָּת וַואקַאצִיעֶ.

בִּין אִיךְ מְחוּיָב נָאכְצוּגֶעבְּן צוּ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, נָאר וַוייל מַיין מַאן וִויל אַזוֹי? וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעבְּן מִיר, בִּין אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף מַיין רוּאִיגְקֵייט, מַיין "סְפֶּעיס", און דָא זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מַצָּב ווִי אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט זֵיי בִּכְלַל, אִין אַ קְלֵיינֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ נָאךְ אוֹיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? אִיךְ מֶעג אַרָאפְּשְׁטֶעלְן קְלָאר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים? אִיז עֶס גֶערֶעכְט? אִיךְ טְרַאכְט אַז מַיין מַאן קֶען מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוֹיב אִיךְ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיר זֶענְט נִישְׁט מְחוּיָב דָאס צוּ טוּן, אִיר דַארְפְּט דָאס נִישְׁט טוּן; דִי שְׁאֵלָה אִיז, וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶוען אִיר וֶועט זַיין דִי אַלְטֶע בַּאבֶּע אוּן אַייעֶר מַאן - דֶער זֵיידֶע, אוּן אִיר וֶועט זוּכְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין; אִיר וֶועט זִיךְ זִיכֶער מְחַיֶ' זַיין אוֹיבּ אַייעֶר קִינְד וֶועט זִיךְ צַאמְקֶוֶועטְשְׁן פַּאר אַ שַׁבָּת, אַייךְ אַרַיינְנֶעמֶען אוּן אַייךְ מַאכְן בַּאקֶוֶועם.

עַל פִּי הֲלָכָה קֶענְט אִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ", "עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין קָאךְ מִיט אַ פִירְהַאנְג וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶּער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַּאר עֶלְטֶערְן... דָאס לֶעבְּן אִיז דָאךְ נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען קֶען מְחַיֶ' זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ, מֶען וַוייזְט פַּאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, דַאן וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי גֶעזוּנְט; זֵיי וֶועלְן אַייךְ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלֶע מַיינֶע יָארְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען מַיין בַּאבֶּע, מָרַת רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין אַ הַאלְבֶּע זוּמֶער בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פַּאלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּשׁוּט'עֶ בָּאנְגֶעלָאוֹ, זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְן זֵייעֶר שְׁלָאף שְׁטוּבּ פַאר אִיר, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁלָאף שְׁטוּבֶּער, דִי בֶּעסְטֶע שְׁטוּבּ הָאט מֶען אִיר גֶעגֶעבְן, אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוּן מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז אוּנְז קִינְדֶער נִיטְאַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן נִישְׁט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע טוּעֶן אַזוֹי, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז בַּיי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן דֶער עִיקָר פוּן דִי לֶעבְּן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז, פַּארְוָואס דַארְף דָאס זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ? פַּארְוָואס זָאל מֶען דָאס נִישְׁט וֶועלְן טוּן מִיט שִׂמְחָה?! עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט דִי מִצְוָה - וֶועט אִיר זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט דַארְפְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אִיר וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

...

## מֶעג אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ שִׁידּוּךְ מִיט אִינְגְלֶעךְ, מַיין וַוייבּ ווִיל אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיךְ הָאבְּן אַ טָאכְטֶער, מֶעג מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע קִינְד זָאל זַיין אַ מֵיידְל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ בֶּעטְן אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע קִינְד זָאל זַיין אַ מֵיידְל; נִישְׁט נָאר דוּ מֶעגְסְט בֶּעטְן, נָאר דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ ווִילְסְט אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט - וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן אוֹיף דַיינֶע זִין. דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים, מֶען דַאנְקְט אִים אוֹיף דִי לֶעבְּן - עֶפְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַן אוֹצָר אִין הִימְל, עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ חֲסָדִים שֶׁלֹּא עַל פִּי דֶרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין קִינְדֶער אוֹיף אֱמוּנָה שְׁאֵלוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק.

מַיין פִיר יֶערִיגֶע טָאכְטֶער פְרֶעגְט מִיר שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זִי פְרֶעגְט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא? דָא בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים? עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן דִי טִיר? אִין וֶועלְכֶע שְׁטוּב אִיז עֶר? וִוי אַזוֹי קֶען זַיי אַז מֶען הָאקְט נִישְׁט אַרַיין אִין אִים וֶוען מֶען גֵייט אוּן מֶען רִירְט זִיךְ? אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז מַיין טַאטֶע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, עֶר אִיז נִישְׁט מַיין טַאטֶע. אִיז עֶר אוֹיךְ דַיין טַאטֶע?

וָואס דַארְף אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ וֵוייסְט פוּן אֱמוּנָה - זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם דְרִיטְן אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען; דָאס זָאלְסְטוּ פְּרֶעדִיגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער, פוּן דִי גָאר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ אִין דִי וִויגֶעלֶע; זִינְג מִיט זֵיי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל אִים בֶּעטְן", אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי פְּשׁוּט׳עֶ אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט נִישְׁט אַרֵיין פוּן קֵיין פֶענְסְטֶער, פוּן קֵיין טִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל".

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פְרַאגֶעס פוּן קִינְדֶער אוּן נִישְׁט פוּן פְּרַאגֶעס פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס אִיז דָא אֵיין תֵּירוּץ: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מְהַוֶּה אוּן מְחַיֶּ׳ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר"; דָאס אִיז דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי וִוי מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מא; מִכְתָּב ז׳ סב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט זַיין זוּן פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר פְלֶעגְט צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָאס? וָואס טוּסְטוּ דָא?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען מַיין זוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג וִויל אִיךְ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת״.

אַ קִינְד וָואס וַואקְסְט אוֹיף מִיט עֶלְטֶערְן וָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִין שְׁטוּב - רֶעדְט מֶען פוּן אֱמוּנָה; מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט, מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן וֶוען מֶען שְׁרֵייט שׁוֹין יָא - שְׁרֵייט מֶען בְּרָכוֹת; מֶען זָאגְט: ״גַּם זוּ לְטוֹבָה״, ״אַלֶעס אִיז צוּם גוּטְן״; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי וֶועלְן וִויסְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן וָואס צוּ טוּן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַּארְקֶערְט וְכוּ׳.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הַלְוַואי זָאל עֶר הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן אוּן פָאלְגְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין - פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים. אַ אִיד קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַ וֶועג וַוייזֶער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם מֶען פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן.

זָאג זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, מַיין וֶועג וַוייזֶער - אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ פְרֶעג אִים יֶעדֶע זַאךְ. עֶנְק דַארְפְן נִישְׁט דַוְקָא נֶעמֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר עֶנְקֶער וֶועג וַוייזֶער, אָבֶער דָאס מוּזְן עֶנְק יָא טוּן, עֶנְק מוּזְן הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, עֶנְק מוּזְן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אִים אַלֶעס פְרֶעגְן, אוּן אִים נָאכְגֵיין, צִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יָא אָדֶער נִישְׁט".

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וַוייזֶער. עֶר דְרֵיידְט זִיךְ דָא אִין שְׁטֶעטְל, עֶר דַאוֶוענְט דָא, עֶר טוּט אַלֶעס דָא, עֶס קֶען אֶפְשָׁר זִיךְ דַאכְטְן וִוי עֶר הָאט אַ וֶועג וַוייזֶער, אָבֶער מִיר פְרֶעגְט עֶר נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ וִויל, אִיךְ וִויל עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ. נִישְׁט דַוְקָא עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה, דָא אִין יְשִׁיבָה הָאט גֶעלֶערְנְט ...., אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפָּארֶעט מִיט אִים, "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק" (בַּמִּדְבָּר יא, יב), אִיךְ הָאבּ אִים גֶעמַאכְט אַ שִׁידוּךְ, אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן פְּרוּבִּירְט אִים צוּ הֶעלְפְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וַיְהִי הַיּוֹם, זַיין וַוייבּ וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ אִיר וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּ פִירְן (שֵׁיין גֶערֶעדְט...) הָאבּ אִיךְ אִים גֶערוּפְן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים זֵייעֶר שַׁארְף, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ!" "אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף וְכוּ'?!" בְּקִיצוּר, עֶר הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייעֶן בַּיי ...

קוּמֶען צוּ מִיר דִי בָּחוּרִים דֶערְצֵיילְן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֶערְט?

עֶר דְרֵייט זִיךְ הַיינְט בַּיי ..."׳, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס אִיךְ וֶועל רֶעאַגִירְן. זָאג אִיךְ זֵיי: "הַלְוַואי, אִיךְ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיין אַרְבֶּעט זָאל נִישְׁט גֵיין לָרִיק; הַלְוַואי זָאל עֶר זִיךְ מְדַבֵּק זַיין בַּיי ..., הַלְוַואי זָאל עֶר אִים פְּרֶעגְן אַלֶעס אוּן אִים פָאלְגְן, עֶר פִירְט אַ הֶערְלִיכֶע טִישׁ, עֶר רֶעדְט נָאר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט, נָאר וָואס דֶען, אִיךְ זָאג דִיר עַבְדָּא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ דָארְט, אָבֶּער עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט אוּן פָאלְגְט נִישְׁט".

וְכַךְ הָיָ׳ הַמַּעֲשֶׂה, אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶע׳גֶט, צֶעבְּרָאכְן זַיין שְׁטוּבּ. פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁטֶעךְ אִין הַארְץ; אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוּן אַלֶעס אִיז צֶעפַאלְן.

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, נָאר דָאס; אַנְשְׁטָאט זֵיי גֶעבְּן מוּסָר "פַארְוָואס טוּסְטוּ אַזוֹי?" "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ אַזוֹי?" זָאלְסְטוּ זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "פְרֶעג דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ", "אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ"; מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז דֶער אוּן דֶער, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער דָאקְטֶער אִיז פַאר דִיר אַ דָאקְטֶער, אָבֶּער אַ דָאקְטֶער דַארְפְסְטוּ הָאבְּן, אַ דָאקְטֶער מוּז מֶען הָאבְּן.

אֲפִילוּ דַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער, זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ זָאגְן, שְׁטַארְקְן אוּן פְרֶעגְן: "הָאסְט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ?" "הָאסְט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דָאס אוּן דָאס טוּן?" "הָאסְט זִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַזוֹי אוּן אַזוֹי אָנְטוּן?"

גֶעבּ אַ קוּק וִוי דִי וֶועלְט גֵייט, וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ שִׁיף וָואס פָארְט אַוֶועק פוּנֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן נָאר דֶער וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ צַדִּיק - דֶער בְּלַייבְּט אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן מְחַזֵק זַיין אוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דָבוּק אִין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

### הַנְהָגוֹת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וָואס גֶעפַאלְט אוּם זוּנְטָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אֲבֵלוּת שַׁבָּת חֲזוֹן; מֶען זִינְגְט לְכָה דוֹדִי אַזוֹי ווִי אַלֶע וָואכְן אוּן מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי ווִי אַלֶע וָואכְן, מֶען זִינְגְט נִישְׁט דֶעם פָּסוּק ״אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי״ מִיטְ׳ן נִיגוּן פוּן אֵיכָה.

שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט ווַייזְן קַיין שׁוּם צֵייכֶענֶעס פוּן אֲבֵלוּת.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען אַלֶעס גֶעהֶערִיג אַזוֹי ווִי אַלֶע שַׁבָּתִים; מֶען עֶסְט אִינְאֵיינֶעם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן אַבִּיסְל פְרִיעֶר, מֶען עֶנְדִיגְט עֶסְן בַּיי דִי שְׁקִיעָה אוּן מֶען בְּלַייבְּט ווַייטֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם בִּיזְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם. מֶען גֵייט אַהֵיים זִיךְ אִיבֶּערְטוּן וָואכְדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּ מַעֲרִיב אוּן מְגִלַּת אֵיכָה.

פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וָואס פַאסְטְן נִישְׁט מַאכְן נִישְׁט קַיין הַבְדָּלָה, זֵיי עֶסְן אָן הַבְדָּלָה; זֵיי הֶערְן הַבְדָּלָה פוּן דִי מֶענֶער בַּיים אוֹיסְפַאסְטְן.

זֶע צוּ הָאבְּן חַיּוּת פוּן הַפָּצָה, נִישְׁט פוּן אוֹיסְלֶעשְׁן דִי לֶעקְטֶער בַּיי אֵיכָה, פוּן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי פָּרֹכֶת וְכוּ׳; אוּנְזֶער חַיּוּת דַארְף זַיין ׳ווִי קֶען מֶען נָאךְ אַ אִיד מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בְּלַייבּ אַ גֶעטְרֵייעֶר אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִין הָאבְּן אַ חֵלֶק פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בָּאבּוּבְ'עֶר רָב הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן בֶּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שְׁלֹמֹה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְוָואס מֶען זֶעט נִישְׁט הַיינְטִיגֶע טֶעג אַזֶעלְכֶע מוֹפְתִים וְוִי לְמָשָׁל פּוֹקֵד זַיין עֲקָרוֹת, אַזוֹי וְוִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים; הָאט אִים דֶער בָּאבּוּבְ'עֶר רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גְלֵייבּ מִיר, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער מוֹפֵת וְוִי צוּ גֶעבְּן קִינְדֶער פַאר אַן עֲקָרָה", כַּיָּדוּעַ פְלֶעגְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק הַשֵּׁם יִנְקֹם דָמוֹ - טוּן אַזוֹיפִיל פַאר בָּחוּרִים; עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט יְשִׁיבוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר פִיל גֶעטוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער:

דִי מִלְחָמָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַזוֹיפִיל אִידְן, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי גֶע'הַרְגֶ'עט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מִין אַכְזָרִיּוּת; אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַזוֹיפִיל צַדִּיקִים, אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן; מֶען הָאט גֶעזוּכְט אַ צַדִּיק וָואס קֶען טֵיילְן בְּרָכוֹת אוּן בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

נָאכְן קְרִיג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער עֶר הָאט גְלַייךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר מוּז קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט; וֶוען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאט זֵיי דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַדִּיק צוּ נֶעמֶען בְּרָכוֹת אוּן מְקַבֵּל זַיין יְשׁוּעוֹת.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "רֶבִּי, וָואס וֶועלְן מִיר טוּן דָא אַלֵיינְס? פוּן וֶועם זָאלְן מִיר בֶּעטְן אַ בְּרָכָה? וֶוער וֶועט קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן אַ יְשׁוּעָה?"

דֶער רֶבִּי זָאגְט זֵיי: "וֶוען אִיר וֶועט זֶען אַ אִיד אִין שׁוּל צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבְּל אָנְצוּטוּן דִי תְּפִילִין אוּן עֶר הָאט אַ נוּמֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט פוּן דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם - דֶער אִיד קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת; אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְדֶעם אִין שׁוּל אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶר גְלֵייבְּט

וַוייטֶער בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר מִיט צֶדֶק וּמִשְׁפָּט, חֶסֶד אוּן רַחֲמִים - דֶער אִיד אִיז רָאוּי צוּ גֶעבְּן בְּרָכוֹת".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, ווִי גֶעטְרֵייִ זֵיי זֶענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאכְן פַּיינִיגְן, נָאכְן הַרְגְ'עֶנֶען מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת. אַלֶע פֶעלְקֶער אִינְאֵיינֶעם זוּכְן צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד - דָאךְ בְּלַייבְּט דֶער אִיד גֶעטְרֵייִ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דֶער אִיז אַ צַדִּיק; דֶער קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת.

טַייעֶרֶער ..., מַאךְ אַ בִּילְד פוּן לַאגֶער; דִי בַּאקַאנְטֶע טוֹיעֶר וָואס שְׁטֵייט דֶערוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "אַרְבֶּעט מַאכְט פְרֵייִ", אִינֶעוֵוייניג אַ אִיד מִיט גֶעלֶע שְׁטְרַייכְן אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן אֵיין הַאנְט, עֶר וַוייזְט מִיט'ן פִינְגֶער אוֹיף אַ נוּמֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַאנְט, אוּן אַ בִּילְד ווִי סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט אוּן וַוייזְט אוֹיף דֶעם אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

טוּן וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, נִישְׁט לוֹיט וָואס יֶענֶער זָאגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים-חֲזוֹן, ח' אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אַייעֶר לֶערֶערִין הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז אִיר זֶענְט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד אִין קְלַאס וָואס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ בַּיים עֶסְן מִיטָאג. נֶעבֶּעךְ פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, זֵיי ווִילְן עֶכְט עֶסְן מִיטָאג, נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ גֵיין קֶעגְן דִי ווִינְט; וֶוען אֵיין מֵיידְל דְרֵיידְט מִיט דִי נָאז אוּן מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי עֶסְן.

מֶען זֶעט אַז אִיר הָאט סְפֶּעצִיעֶלֶע עֶלְטֶערְן וָואס לֶערְנֶען אַייךְ צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן נִישְׁט נָאכְטַאנְצְן דִי קִינְדֶער וָואס לָאזְן נִישְׁט עֶסְן אוּן לָאזְן נִישְׁט הָאבְּן פַארְגֶענוּגְן אִין סְקוּל.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַרייַנְבְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע לוּפְט צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם סֵדֶר פוּן סְקוּל.

...

**וֶוען אִיר וֶויינְט בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט, זָאל דָאס זַיין מִיט שִׂמְחָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים-חֲזוֹן, ח׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער פוּן בֵּית פֵיגָא.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ מַאמֶע. דִי וֶועלְט רוּקְט זִיךְ לִינְקְס, עֶס שְׁטוּרֶעמְט אַרֵיין אִין אִידִישֶׁע הַייזֶער ווִינְטְן פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם; אַלֶע מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת שְׁרֵייעֶן גִיוַואלְד, וָואס טוּט מֶען מִיט דִי יוּגֶענְט?! דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טָאכְטֶער צוּ מִתְפַּלֵל זַיין:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג מַיין שְׁטוּב, זָאלְסְטוּ - אֵייבֶּערְשְׁטֶער - לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְסְט עֶפֶענֶען זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר".**

וֶוען אִיר וֶויינְט בַּיי דִי לִיכְט זָאל דָאס זַיין מִיט שִׂמְחָה, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. אִיךְ פְלֶעג זֶען מַיין מַאמֶע גִיסְן טְרֶערְן בַּיי דִי לִיכְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זִי פְלֶעגְט שְׁמֵייכְלֶען וֶוען עֶס אִיז גֶערִינֶען טְרֶערְן. מִיר זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעוַוארְט אוֹיף שַׁבָּת.

...

**הַרְגְ׳עֶ נִישְׁט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן, ח׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ...**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ, מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, דַיין טָאכְטֶער אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעוֵויין, זִי זָאגְט מִיר זִי אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל אֵיינֶע פוּן דִי לֶעֶרעִרנְס הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִיבֶּער דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס, קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אַז דָאס שְׁטֶערְט פוּנֶעם לֶעבְּן, שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה לוֹיפְט נָאךְ דִי עֶקֶלְדִיגֶע בִּילְדֶער, עֶקֶלְדִיגֶע מָאוִויס; מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ נַאטִירְלִיכֶע לֶעבְּן מִיט דִי מַאן.

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס וֵוייסְטוּ? וָואס בִּיסְטוּ דֶערְשְׁרָאקְן?" אִיךְ וֵוייס אַז זִי אִיז אַ רֵיינֶע מֵיידְל, זִי קוּמְט פוּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ; זָאגְט זִי מִיר: "אִיךְ קוּק שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן", פְרֶעג אִיךְ אִיר מִיט וואוּנְדֶער: "וואוּ?" זָאגְט זִי מִיר: "אוֹיף מַיין טַאטֶע׳ס טֶעלֶעפָאן..." אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ פַאל חַלָשׁוּת...

אַ טַאטֶע מַאמֶע שְׁלָאפְן זִיךְ רוּאִיג, זֵיי זֶענֶען קְלוּגֶער פוּן אַלֶע רַבָּנִים, זֵיי זֶענֶען קְלוּגֶער פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - וָואס זָאגְן אוּן וֵויינֶען צוּם דוֹר: "בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין קַיין נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, הַרְגְ׳עֶט נִישְׁט אַייעֶרֶע קִינְדֶער".

אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ, אִיךְ וֵויין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע רֵיינֶע נְשָׁמוֹת (אַמָאל גֶעוֶוען רֵיין), וִוי זֵיי פַאלְן קָרְבָּנוֹת צוּלִיבּ עֶלְטֶערְן וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער, זֵיי הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ אָן אַ פִילְטֶער; גִיוַואלְד, וָואס אִיז מִיט דִי לַאו פוּן "לֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ" (דְּבָרִים כב, ח), זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן בְּלוּט בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ!

אִיךְ בִּין גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט, אִיךְ קֶען דִיר דֶעם בְּרִיוו נִישְׁט שִׁיקְן, וַוייל דוּ וֶועסְט אָנְשְׁרַייעֶן דַיין טָאכְטֶער פַארְוָואס זִי הָאט דֶערְצֵיילְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִיר, זִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ סוֹד. אִיךְ שְׁטֶעל אַרַיין דֶעם בְּרִיוו

אִינֶעם קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ לֵיינְסְט דִי בְּרִיוו יֶעדֶע וָואךְ, הֲגַם עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן אַז דוּ לֵיינְסְט דִי בְּרִיוו, הָאסְטוּ שׁוֹין זִיכֶער גֶעזֶען צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו אִיבֶּער נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב קַיין טֶעלֶעפָאן, וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז גְלַייךְ נָאכְן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ גְלַייךְ צֶעשְׁמֶעטֶערְן דַיינֶע כֵּלִים אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיף דִי וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, צוּ רַאטֶעוֶוען דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן אַלֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

**נֶעם נִישְׁט קַיין צַד אִין מַחֲלֹקֶת, נִישְׁט לְכַּאן אוּן נִישְׁט לְכַּאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַרִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, רֶעדְט מִיט זֵיי, דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; דָאס אִיז וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוּן ווִילְן, אֵיין זַאךְ - נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן בַּיי דַיין שְׁוָואגֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִין; מֶען קֶען נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן טוּנְקְלְקֵייט, מֶען קֶען אָבֶּער יָא לִיכְטִיג מַאכְן; אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעהַאקְט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אָן מֶער רֶעדְן צוּ זֵיי.

שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, נֶעם נִישְׁט קַיין שׁוּם צַד, נִישְׁט לְכַּאן אוּן נִישְׁט לְכַּאן, מַחֲלֹקֶת אִיז אַ סַכָּנָה; אָךְ אוּן וֵויי וֶוער עֶס נֶעמְט אַ טֵייל אִין מַחֲלֹקֶת.

...

## דַארְפְּסְט נָאכְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ פָּארְסְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נָאךְ גָארְנִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, אַז דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט אַ טִיקֶעט; וָואס דַארְפְּסְטוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת? וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט זֶען וָואס צוּ טוּן.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב.

...

## שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן, מֶען קֶען נִישְׁט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג גֶעבְּן פְּסָקִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אַ מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זָאגְן אַז זֵייעֶר קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן זָאגְט אַז עֶר בַּאקוּמְט קָאפּ-וֵויי פוּן אַזוֹיפִיל נֶעגֶעטִיוֶועטִ״י, עֶר בַּאקוּמְט אַ לָאךְ אִין קָאפּ פוּן שְׁרֵייעֶן אוּן כַאפְּן פְּסָקִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ מְלַמֵּד וַוייל אִיךְ הַאלְט אַז דוּ קֶענְסְט אוּן דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אָבֶּער דִי אֵיין זַאךְ דַארְפְּסְטוּ פַארְרֶעכְטְן, אוֹיפְהֶערְן זַיין נֶעגֶעטִיוו; שׁוֹין צַייט צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע, זֶען דָאס גוּטְס אִין אַנְדֶערֶע, זוּךְ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זוּךְ צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

זֶע צוּ דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

נָאכְמָאל, גֵיי שְׁרֵיי אוֹיס דִי נֶערְוֶועז, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁפַּאצִיר צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן שְׁרֵיי אוֹיס דִי נֶערְוֶועז, לֵייג עֶס נִישְׁט אָן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

...

## יְשִׁיבָה קְטַנָּה פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף עֶפֶּענֶען מִיר אַ דָארְמִיטָארִי פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן דִי כִּתָּה פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר. דִי בָּחוּרִים וֶועלְן זַיין אוּנְטֶער זַיין הַשְׁגָּחָה, דִי דִירָה גֶעפוּנְט זִיךְ אִינֶעם זֶעלְבְּן בִּנְיָן פוּן זַיין דִירָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אַרַיינְשִׁיקְן דַיין בָּחוּר קוּמֶענְדִיגְן יָאר אִין שְׁטָאט לֶערְנֶען בַּיי אִים. אַלֶע בָּחוּרִים פוּן שְׁטֶעטְל וֶועלְן קוּמֶען לֶערְנֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר וֶועט זַיין הָאַבְרֵךְ הַנַּ״ל.

שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב וֶועט מֶען דַאוֶועןנֶען מִיט מִיר אִינְאֵיינֶעם, אוֹיךְ דִי שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת וֶועלְן זֵיי מִיטְהַאלְטְן; אַ שָׁאד דַיין בָּחוּר זָאל פַארְפַּאסְן אַ שֵׁיינֶעם יָאר אִין יְשִׁיבָה.

אוֹיף שַׁבָּתִים וֶועלְן דִי בָּחוּרִים אַהֵיים גֵיין.

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט, בִּיטֶע שְׁרַייבּ אֵיין דַיין בָּחוּר בַּיי הָאַבְרֵךְ הַנַּ״ל, וַוייל דִי בֶּעטְן זֶענֶען בַּאגְרֶענִיצְט.

...

## נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט בַּאשְׁמִירְן אַייעֶר נֶעגְל מִיט נֶעי״ל פַּאלִי״שׁ.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןן אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם; עֶס אִיז אַ חֲצִיצָה, אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל (וַיִּקְרָא יח, ג): ״וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ״.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט טוּן מַיין ווִילְן.

...

## דְרֵייווְן דִי קִינְדֶער ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען צְוֵויי קָאמְפְּלֶעינְס, אֵיינְס אוֹיף דִיר, אַז דוּ פָארְסְט צוּ שְׁנֶעל; דִי קִינְדֶער אוּן דִי טִיטְשֶׁערְס זָאגְן עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, זֵיי קוּמֶען אָן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעשָׁאקֶלְט.

דִי צְוֵוייטֶע אִיז אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִי דְרֵייוֶוערְס, אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַבִּיסְל צוּ הֶעפְלִיךְ שֶׁקּוֹרִין הֵיימִישׁ - מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, סֵיי דוּ גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ פָארְן פָארְזִיכְטִיג, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַלֶע דְרֵייוֶוערְס זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס דְרֵייוֶוען, זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט; אַז מֶען אִיז מַפְסִיד דִי יְשִׁיבָה׳ס גֶעלְט - טְשֶׁעפֶּעט מֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פַארְטְרִיבְּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וַוייל עֶר הָאט מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין זַיין גֶעלְט.

...

## אוֹיב גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, קֶען מֶען הָאבְּן אַ שָׁאדְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הֶעלְפְסְט דִי יְשִׁיבָה מִיטְ'ן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין וָואס זֵיי צָאלְן רֶענְט פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע בְּנְיָנִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאצָאלְן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע, מִיט בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף פְרַייטָאג, שַׁבָּת, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב גֵייט אַרִיבֶּער דִי וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - קֶען מֶען הָאבְּן אַ שָׁאדְן; מֶען קֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, אָדֶער אַ שָׁאדְן בְּגוּף.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ צוּם מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר זָאג דִי וֶוערְטֶער; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִימוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד", בַּיים לֶערְנֶען דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; מִשְׁנַיוֹת וֶועט אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, מִשְׁנָה וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. מִשְׁנָ"ה אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי מְשַׁנֶ"ה, עֶס אִיז מְשַׁנֶה, עֶס טוּט פַארְעֶנְדֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן. מִשְׁנָה וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן אִין קֶבֶר פוּן וֶוערִים אוּן פוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה.

...

### אויב מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוערְט מֶען אַ נִישְׁט גוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, הַלְוַואי וֶועסְטוּ פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט אָנְהוֹיבְּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס רֶעדְן אֵיידְל. וַוייל ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אויב וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ נִישְׁט גוּטֶער, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער אִיד; אויב וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט צַדִיקִים, מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן - וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט אוֹיךְ וֶוערְן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; דִי מֶענְטְשְׁן מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ זֶענֶען נִישְׁט גְלוֹיבִּיג, זֵיי זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת רַחֲמָנָא לִצְלַן.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן זִי זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין, דְרֵיידְט אַייךְ נָאר מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן אוֹיף אֵיינֶעם אויב עֶר אִיז עֶרְלִיךְ - אויב עֶר רֶעדְט אֵיידְל; דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אוּן שֶׁעלְט - דֶער אִיז נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער, פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.

...

### נֶעם דִי צְוֵויי זִיסֶע עֵצוֹת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען דַיין נָאמֶען חוֹדֶשׁ'לִיךְ, אַז דוּ גֶעבְּסְט צְדָקָה פַאר דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין וָואס צָאלְט רֶענְט פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע בִּנְיָנִים, פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַ גֶעפִיל צוּ דִי יְשִׁיבָה; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז

דוּ הָאסְט נָאךְ אַ גֶעפִּיל, אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיךְ טוּן וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר אִין יְשִׁיבָה, דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, דִי זִיסֶע וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, נֶעם דִי צְוֵויי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְט קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן; מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶעבְּן.

...

אָנָּא ה', הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִּיל צוּ צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֵצָה אִיז "הִתְבּוֹדְדוּת" - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

בְּנוֹגֵעַ צְנִיעוּת וְכוּ'; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַייעֶר גֶעפִּיל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וּבִפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין נְשָׁמָה, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מִיר זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִּיל צוּ צְנִיעוּת, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט לִיבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אִיךְ טוּ זִיךְ אָן קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, אִיךְ גֵיי מִיט דוּרְכְזִיכְטִיגֶע שְׁטְרוּמְפּ. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס אַז דִי וֶועג אִיז נִישְׁט גוּט,

דָאךְ צִיט עֶס אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אַזַא פְלַאקֶערְדִיגֶע פֵייעֶר זִיךְ אָנְצוּטוּן וִוי מֶער אוֹיסְגֶעלַאסְן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַחְמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ? וָואס טוּט מֶען דָא וַוייטֶער? אָנָּא אֵלֵךְ - וואוּ זָאל אִיךְ גֵיין? אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי גֵיין, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז בַּאלְד וֶועל אִיךְ נָאכְמֶער דֶערְוַוייטֶערְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רֵיינְקֵייט, אַ הֵיילִיגְקֵייט, נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם וָואס בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן לָאזְט מִיר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה.

אָנָּא ה', הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאלְגְן דֶער רֶבִּי וָואס זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): 'צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים', צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט גוּטֶע קִינְדֶער; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, אָמֵן".

...

דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין שִׁידּוּכִים, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן שִׁידּוּכִים.

דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין שִׁידּוּכִים - דִי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל מֶענְטְשְׁן שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידּוּךְ, פַארְ'ן טְרַאכְטְן פוּן מִיר, פַארְ'ן טוּן פַאר מִיר - שְׁרֵייט מֶען אוֹיפְ'ן שַׁדְכָן; דִי שִׁידּוּךְ פַּאסְט נִישְׁט, דִי שִׁידּוּךְ אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְז וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דַיין וַוייבּ - אִיז אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס. זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל עֶס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, זִי הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אוּן זִי זָאל וַוייטֶער אַזוֹי טוּן.

אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת טָאג טֶעגְלִיךְ, מֶען שְׂרֵייט אוֹיף מִיר; דָאךְ שְׁטֶעל אִיךְ נִישְׁט אָפּ דָאס טוּן שִׁידוּכִים; אַזוֹי גֵייעֶן אַלֶע שִׁידוּכִים, מֶען שְׁטֶערְט פוּן אַלֶע זַייטְן, בִּיז דִי צַד הַקְדוּשָׁה אִיז זִיךְ גּוֹבֵר אוּן עֶס וֶוערְט אַ שִׁידוּךְ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין שִׁידוּכִים, וואוֹיל אִיז אִים בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## וֶוען מֶען הִיט דִי תּוֹרָה פַּאלְט מֶען נִישְׁט אִין קַיין עֲבֵרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ב אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, וַוייל וֶוען מֶען הִיט דִי תּוֹרָה - פַּאלְט מֶען נִישְׁט אִין קַיין עֲבֵירוֹת. דִי טֶעג וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ׳ - פוּן דֶעם פַּאלְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ, אַז מֶען לֵייגְט צוּ אֵייגֶענֶע פְּרִישׁוּת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, פוּן דֶעם קֶען מֶען יָא אַרָאפְּפַאלְן.

הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר, הִיט דִי הֲלָכוֹת בְּחֹמֶר הַדִּין; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ וֶוערְט מֶען פַארְשְׁנִיטְן פוּן דִי וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת יג.) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: ״מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם צוּ לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! ״וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר״, קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר

גֶעפְרֶעגְט: אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן כִּמְעַט אַלֶע הֲלָכוֹת אוֹיסֶער אֵיינְצֶעלֶע זַאכְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן; הָאט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זִיצְן צוּגֶעדֶעקְט מִיט צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן גֶענוּג לַאנְג, וֶוען מֶען זִיצְט זָאלְן דִי קְנִיעֶן זַיין גוּט צוּגֶעדֶעקְט. דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר עֶנְק, אִיר וֶועט זֶען אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב.

זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָאס, אַסַאךְ מָאל כַאפְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס נִישְׁט אַז דִי קְנִיעֶן זֶענֶען אוֹיפְגֶעדֶעקְט בַּיים זִיצְן, דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דָאס.

וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. צִינְדְט אָן צְוֵויי לִיכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר, אוּן נָאךְ פִיר לִיכְט כְּנֶגֶד שֵׁם הַוַי', אוּן פַאר יֶעדְן קִינְד לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְט.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶע מִנְהָג פוּן צַדִיקִים, אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן אָנְטוּן בַּיים לִיכְט צִינְדְן אַ וַוייסֶע שִׁירְצְל לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צִינְדְן לִיכְט.

עֶס זֶענֶען דָא יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס זָאגְן עֶס אִיז אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִיז שֵׁיין אוּן חָשׁוּב אַלֶעס וָואס צַדִיקִים זָאגְן.

...

### אַ שָׁאד צוּ לוֹיפְן אַרְבֶּעטְן, קוּם עֶנְדֶערְשׁ אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ג אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג זָאלְסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הֶערְן חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

וֶועסְט נָאךְ גֶענוּג אַרְבֶּעטְן אִין לֶעבְּן, יֶעצְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַ שָׁאד צוּ לוֹיפְן אַרְבֶּעטְן, יֶעצְט קוּם אִין יְשִׁיבָה. דְרֵיי זִיךְ נֶעבְּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זַיי פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זִיצְן נֶעבְּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן שְׁלִינְגֶען נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט. דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דִיר אַסַאךְ וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, עֶר הָאט אַסַאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מֶער אִין יְשִׁיבָה.

שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו מִזְמַן לִזְמַן, דֶערְצֵייל מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע סִיוּמִים.

...

### אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַלְטֶע אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע וֵוייטָאג דוּרְךְ אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ג אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַן עֶכְטֶע מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ הֶעלְד; נָאכְן וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן דִי אֵייגֶענֶע מַאמֶע, אַלֶע קִינְדֶער יָארְן הָאט מֶען אַייךְ אַזוֹי צֶעדְרוּקְט, דֶערְוָוארְגְן אוּן דֶערְנִידֶערְט, אוּן הַיינְט נָאכְן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, אֱמוּנָה וְשִׂמְחָה – רֶעדְט אִיר שַׁיין, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אִיר. עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן

אַייךְ דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, (מֶען גֶעדֶענְקְט עֶס נָאךְ און עֶס טוט וֵויי, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער דִי פַּיינְטְשַׁאפְּט וְכוּ׳) - דָאס אִיז אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי׳ן.

הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזְנְטֶער וַוייבְּלֶעךְ גֵייעֶן צוּ טֶערֶעפִּי פַאר דֶער זַאךְ, עֶס פַּיינִיגְט זֵיי וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּן, עֶס לָאזְט זֵיי נִישְׁט מְנוּחָה, דָאס לֶעבְּן גֵייט צוּגְרִינְד; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט רוֹב לֶעבְּן בַּיי טֶערֶעפִּי, סוּפָּארְ״ט גְרוּפְּ״ס וְכַדוֹמֶה.

וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ - וָואלְט אִיר דָאס גֶעדַארְפְט דֶערְצֵיילְן בָּרַבִּים פַאר אַלֶעמֶען, אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַ מַאמֶע, אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע פַּיין - דוּרְךְ אֱמוּנָה, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ - וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַזוֹי זִיס, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער און נִישְׁט יֶענֶער, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיין שְׁוֶוער, מַיין שְׁווִיגֶער, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג, דֶער לֶעבְּן וֶוערְט זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן, אִינֶעם זְכוּת פוּן מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן לִיכְטִיגֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ זָאל זַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב אַ פְּלַאץ פוּן שָׁלוֹם, פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**פַאר דִי בִּיסְל הָאר, לוֹינְט זִיךְ צוּ לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן וַוייטֶער מִיט אַייעֶר הֵיילִיגְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹיפִיל מָאל ווִי עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד, פַאר דִי בִּיסְל הָאר הַאלְט מֶען צוּרִיק דִי גְּאוּלָה; אַ שָׁאד, פַאר דִי בִּיסְל הָאר אִיז דָא אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אַ שָׁאד פַאר דִי בִּיסְל לַייזִיגֶע הָאר זָאל מֶען פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר אִידִישְׁקֵייט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען נָאר בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָּבָר אָסוּר כְּאַחַד הָרֵקִים; אִיךְ טוּ וַוייטֶער, אִיךְ ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ זַאךְ, עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס מַאכְן זִיךְ דִי נֶעגְל. ווִיסְן זָאלְט אִיר, מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ וֵוייס מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט זֵיי, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין בְּלָאטֶעס אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "הָאֱמֻנִים עֲלֵי תוֹלָע", טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "חִבְּקוּ", הָאבְּן לִיבּ בַּאקוּמֶען, "אַשְׁפַּתּוֹת", מִיסְט (אֵיכָה ד, ה). מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ זֵיי מִיט אַזַא רַחְמָנוּת, בִּיז דִי צְוֵויי זַאכְן, דִי הָאר מִיט דִי נֶעגְל; מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "גֶעבְּט מִיר דִי צְוֵויי זַאכְן, שֶׁערְט אַייךְ אָפּ דִי הָאר אוּן שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל; אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט".

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז אַרִיבֶּער שׁוֹין צֶען יָאר, דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט - דִי הָאבְּן הֶערְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת. דָא אִין שְׁטֶעטְל ווּאוֹינֶען

טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן הָאר אוּן שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אָבֶער זֵיי הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם צַדִיק, זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען לִיכְטִיג, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעצֵיילְטֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דֶעם עִנְיָן בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט עֶנְדִיגְן וַוייל עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דִי הַארְץ פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הֶער יֶעצְט אַז מֶען וִויל זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל אוּן מֶען וִויל בְּלַייבְּן מִיט דִי הָאר.

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס, מַיין לֶעבְּן גֶעבּ אִיךְ אַוֶועק פַאר דִי שְׁטֶעטְל; מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט צוּ בּוֹיעֶן אַ לִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, יֶעצְט וֶוען אִיךְ הֶער אַז דָא אִין דִי קְהִילָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלִיפּוֹת פוּן נֶעגְל אוּן הָאר - וֶוערְט מִיר פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט.

אִיךְ וִויל אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי וָואס מַאכְן זִיךְ דִי נֶעגְל אוּן דִי הָאר, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אֶפְשָׁר מֵיינְט אִיר אַז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט צוּפְרִידְן; נֵיין אוּן נָאכְאַמָאל נֵיין! עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט גָארְנִישְׁט אוֹיס, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר מֶער אוּן מֶער עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁרַייבְּט מִיר צוּרִיק.

...

**אִיבֶּער שְׁנַיידְן פְרוּכְט בֵּיימֶער דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער רָב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ד אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי סָארְט שְׁאֵלוֹת פוּן שְׁנַיידְן פְרוּכְט בֵּיימֶער דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ גְרוֹיסֶער

עֶרְלִיכֶער רָב, אִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעג אוֹיךְ דִי סָארְט שְׁאֵלוֹת פוּן אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן רָב, וַוייל דָאס אִיז אַ סַכָּנָה.

אַז אִיר ווִילְט וַוארְטְן אַבִּיסְל קֶען אִיךְ פַאר אַייךְ פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. עֶר אִיז יֶעצְט אַוֶועק גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן פַאר אַפָּאר וָואכְן, בִּיז סְלִיחוֹת; אַז אִיר ווִילְט וַוארְטְן וֶועל אִיךְ פְרֶעגְן פַאר אַייךְ.

אִיר וואוֹינְט דָא אִין שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ וָואס אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט גְרָאז אוּן בֵּיימֶער. עֶס אִיז אַזוֹי פַּאסִיג פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; מֶען קֶען זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקְלָארְן אוּן בַּאקוּמֶען קְלָארֶע תְּשׁוּבוֹת אִין לֶעבְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

...

## עֶנְדִיגְן מַגִּיהַ זַיין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט עֶנְדִיגְן מַגִּיהַ זַיין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, דִי אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַ"א"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְן אִין אִידִישׁ.

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַ"א"שׁ צְווִישְׁן דִי פְּטִירָה אוּן דִי קְבוּרָה אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוען מֶען הָאט גֶעפִירְט דִי אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס נֶעבְן דֶעם אָרוֹן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דְרוּקְן דִי בְּרִיוו אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי וֶועלְט".

הָאסְט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגֶעבְן צְוֵויי חֲלָקִים אַזוֹי שֵׁיין מִיט מַפְתְּחוֹת, לָאמִיר יֶעצְט צוּעֶנְדִיגְן אַ דְרִיטֶע חֵלֶק אוּן אַלֶע חֲלָקִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן; נָאר דָאס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן בָּזֶה וּבַבָּא. עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער דִי אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ.

...

## קוּמֶען אִין חֵדֶר מַאכְן חַאלַאקֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ד אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי מֵיידְל שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא; נֶעם אַרוֹיס דִי דִירָה, הוֹיבּ אָן קְלֵיין; דִי רֵאשִׁית וֶועט זַיין מִצְעָר, אָבֶּער וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד (אִיּוֹב ח, ז).

אוֹיךְ בִּיטֶע לָאזְן מַיין טֵייעֶרְער תַּלְמִיד ... פוּן ... קוּמֶען מַאכְן פֵּאוֹת פַאר זַיין זוּן. עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרְער אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט נִישְׁט יֶעצְט קַיין חֵדֶר פַאר אִים, וַוייל דָארְט וואוּ עֶר שִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִיז יֶעצְט בֵּין הַזְּמַנִּים, עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען מִיט זַיין זוּן זָאגְן דִי א׳ ב׳ בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה עַל טָהֳרַת הַקּוֹדֶשׁ. בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז אוֹיךְ דָא אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען מַאכְן חַאלַאקֶע, זָאגְן דִי א׳ ב׳ בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אֲפִילוּ דֶער קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט בַּיי אוּנְז.

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז לְקָרֵב וְלֹא לְרַחֵק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאר דִי פְרוֹי אִיז וִויכְטִיגֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין בַּאקוּמֶען חִיזּוּק וִוי פַארְ׳ן מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן הִתְחַזְּקוּת.

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא שִׁיעוּרִים פוּן דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶּ׳, חִיזּוּק פַאר יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ. אוֹיךְ אִיז דָא שִׁיעוּרִים פוּן אֵיינֶע פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס, אוּן אַז דַיין וַוייבּ וִויל גֵיין, זִי וִויל דִי חִיזּוּק - זָאלְסְטוּ אַלֶעס טוּן זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

אויך וֶוען עֶס אִיז דָא מְלַוֶּה מַלְכָּה׳ס וְכַדוֹמֶה און דַיין וַוייבּ ווִיל קוּמֶען, און דו ווִילְסְט אויך קוּמֶען - אִיז ווִיכְטִיגֶער זִי זָאל קוּמֶען.

דוּ וֶועסְט שׁוֹין בַּאקוּמֶען דִי חִיזוּק; דוּ קוּמְסְט דָאךְ דְרֵייא מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, מֶען טְרֶעפְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי נִישְׁט קוּמְט אַרוֹיס חִיזוּק פוּן דֶעם, פוּן יֶענֶעם, אויך לוּפְטֶערְט מֶען זִיךְ אוֹיס, אָבֶּער דִי ווַייבֶּער זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ, פַאר זֵיי אִיז ווִיכְטִיגֶער צוּ קוּמֶען הֶערְן חִיזוּק.

פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין וַוייבּ ווִיל דָאס; אוֹי ווִי שְׁרֶעקֶעדִיג אִיז דִי וֶועלְט, אוֹי ווִי ווֵייטָאגְלִיךְ אִיז וֶוען מֶען הֶערְט אִינְגֶעלַייט קְרֶעכְצְן אַז דִי ווַייבּ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן נִישְׁט גוּטֶע חַבְרֶ׳טֶעס, זִי דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִיזוּק, זִי הוֹיבְּט אָן ווֶערְן פַארְנוּמֶען מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; דֶעמָאלְט אִיז אַזוֹי בִּיטֶער.

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טוּ אַלֶעס אַז דַיין ווַייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים. זָאלְסְט אִיר נִישְׁט דְרוּקְן צוּ קוּמֶען, אַז זִי ווִיל נִישְׁט קוּמֶען - זָאלְסְטוּ קוּמֶען. מֶען קֶען זַיין אַ גוּטֶע פְּרוּי אָן קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים; בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מַיין ווַייבּ - גֵייט נִישְׁט צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה׳ס, שִׁיעוּרִים וְכַדוֹמֶה. נָאר ווָאס דֶען? אַז דַיין ווַייבּ ווִיל, זִי חַלֶשְׁ׳ט צוּ קוּמֶען, זִי דַארְף דִי חִיזוּק, עֶס אִיז אִיר נִישְׁט גֶענוּג צוּ הֶערְן אוֹיפְ׳ן הָאט-לַיין - זָאג אִיךְ דִיר, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז זִי זָאל קוּמֶען.

נָאךְ אֵיין זַאךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ פְרֶעגְן; אַז מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט - ווֵייסְט מֶען נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און זִיכֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען וֶוען דַיין ווַייבּ שִׁיקְט דִיךְ מִיט אַ לִיסְטֶע מִיט פְרַאגֶעס צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; פוּן וֶועם שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ? פוּן מִיר? בַּיי מִיר אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, ווָאס הָאסְטוּ מוֹרָא - אַז אִיךְ וֶועל ווֶערְן נֶערְוֶועז? אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ מַאךְ נֶערְוֶועז דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט מַיינֶע טוֹיזְנְטֶער פְרַאגֶעס..." הָאט אִים זַיין רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל פוּן דִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז, אִיךְ בִּין נֶערְוֶועז פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים ווָאס פְרֶעגְן גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ זֵיי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ, מִיט הֲלָכוֹת וְכוּ׳".

דָאס אִיז בַּיי מִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וֶוען דֶער מַאן פְרֶעגְט דִי פְּרַאגֶעס פַאר זַיין שְׁטוּבּ, אַזוֹי גֵייט נִישְׁט אַוֶועק אַזוֹיפִיל צַייט, וַוייל מֶען טְרֶעפְט זִיךְ סַיי ווִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דָא אוּן דָארְט; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען?

דוּ וֵוייסְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען לֵייגְט אַלֶע בּוּשׁוֹת אִין דִי זַייט אוּן מֶען פְרֶעגְט אַלֶעס? קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין פַאר זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט אִים אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אַלֶעס, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין, עֶר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, מִיט וָואס נִישְׁט... דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דִיר, דוּ הֶעלְפְּסְט אִיר, דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר שֵׁיין. אֲפִילוּ וֶוען זִי פַארְלִירְט זִיךְ - פַארְלִירְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ בְּלַייבְּסְט פְרֵיילִיךְ אוּן דוּ הֶעלְפְּסְט אִיר; וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק, דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## פַארְוָואס זָאג אִיךְ דִיר מֶער מוּסָר ווִי פַאר אַנְדֶערֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - הָאסְטוּ מִיר אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט, דוּ

גֵייסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פַאר פֶערְצִיג טֶעג, בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זוֹכֶה זַיין צוּ דִי סְגוּלָּה פוּן אַ חָתָן וֶוערְן.

טַייעֶרֶער ..., אִיךְ זָאג דִיר אֶפְשָׁר אַבִּיסְל מֶער מוּסָר ווִי אַנְדֶערֶע, אָבֶּער פַארְשְׁטֵיי מִיר אַז דָאס אִיז וַוייל אִיךְ לִיבּ דִיר. פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זָאג אִיךְ נָאכְמֶער מוּסָר; פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט - הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט זַייעֶר אַסַאךְ מוּסָר, וַוייל אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל דָאס בֶּעסְטֶע פַאר זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ מוּסָר, נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; בִּיז אִיךְ זֶע אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער טוּעֶן סֵיי ווִי נִישְׁט אוֹיף, דֶעמָאלְט לָאז אִיךְ אָפּ דִי מוּסָר, אִיךְ מַאךְ צוּ מַיינֶע אוֹיגְן.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין דַאוֶוענֶען אִין צַייט, אוּן צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים מִיט תְּמִימוּת אָן לֵיצָנוּת; אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס.

...

## אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, טְרַאכְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת; דוּ וֶועסְט נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט ווִי גְרוֹיס זֶענֶען דִי חוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן ווִי גְרוֹיס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז; מֶעגְסְט שׁוֹין טְרָאסְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל נִיסִים הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזֶען אִין לֶעבְּן, אַזוֹיפִיל הָאסְטוּ שׁוֹין גֶע׳דַאֲגָה׳עֶט אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת - אֵיין גְרוֹיסֶער בּוֹידֶעם, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאֲגָה׳נֶען? טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כג) **דִי אַלֶע וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט הָאבְּן אַ טוּנְקֶלְקֵייט אוֹיפְ׳ן פָּנִים, אַן אוֹיסְגֶעלָאשְׁנְקֵייט, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אַנְפִּין חֲשׁוּכִין.**

**טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, טְרַאכְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן צַדִיקִים; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִינְג זִיךְ: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", וֶועט שׁוֹין אוֹיךְ זַיין שֶׁפַע.**

...

### גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טוּן קֵיין מָאדְנֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָּבָר אָסוּר, מֶען רֶעדְט אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דָאס עֶרְגְסְטֶע; אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ אָן קֵיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דָאס גֶעהֵייסְן טוּן.

לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ יֶעדֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת וֶוען מִיר שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאוֶוענֶען מִנְחָה וְקַבָּלַת שַׁבָּת - טוּסְטוּ אָן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, דוּ שְׁטֵייסְט בַּיים אַרַיינְגַאנְג אוּן אַלֶע וָואס קוּמֶען דַאוֶוענֶען פַארְוואוּנְדֶערְן זִיךְ דֶערוּיף. מֵילָא דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל, מִיר זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן אִין יֶענֶעמְ׳ס גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶער דוּ וֵוייסְט דָאךְ, עֶס קוּמֶען גֶעסְט, עֶלְטֶערְן פוּן אַיינְוואוֹינֶער, אוּן דָאס אִיז פַאר זֵיי זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

בִּכְלָל וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶועזְן זָאלְסְט אָנְטוּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין אִינְאֵיינֶעם, רַשִׁ"י אוּן רַבֵּנוּ תַּם - גֵייט אִינְאֵיינֶעם, אַז עֶס אִיז דָא צַייט פַאר רַשִׁ"י - אִיז דָא צַייט פַאר תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם, אוּן אַז נִישְׁט - נֶעם אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט פוּן תְּפִילִין דְרַשִׁ"י אוּן טוּ אָן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם.

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט דִי צֶעפְּלוֹיגֶנְקֵייט, אִיךְ פְּלֶעג אָנְטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג, בִּיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר מוּסָר גֶעזָאגְט אוּן פַארְלַאנְגְט אִיךְ זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא - וֶועסְטוּ בַּאשִׁיצְט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס צִיט מִיר צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

גֶעבְּט אַ קוּק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ, ווִיפִיל דַארְפְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן אִינְצְוִוישְׁן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר אַלֶעס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אַייךְ.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר בַּאדַאנְקְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, עֶר זָאגְט מִיר אַלְץ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זַיין שַׁדְכָן בַּיי עֶנְק, עֶר אִיז אַזוֹי צוּפְרִידְן מִיט דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן - אַייךְ פַאר אַ וַוייבּ.

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוֹדֶם הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען פַאר אַייעֶר לֶעבְּן, אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אַייעֶר הַארְץ, בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְבֶּעטְן, וַוייל וֶוען אַ פְרוֹי צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט וֶוערְט אַרוּם אִיר אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה, דִי שְׁטוּבּ וֶוערְט זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן לִיכְטִיג, עֶס קוּמֶען הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים אוּן מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיז מִיט מִיר גֶעשֶׁען? אִיךְ ווִיל אַזוֹי

שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ און וואוּיל, אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט צִיט מִיר נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ וֶוער צֶערִיסְן, אֵיין רֶגַע ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, אַ צְוֵוייטֶע רֶגַע ווִיל אִיךְ נַארִישְׁקֵייטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הַארְץ, גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס אִיךְ ווִיל טַאקֶע, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל טוּן דַיין ווִילְן".

בֶּעטְס אוֹיךְ פַאר שְׁלוֹם בַּיִת, בֶּעטְס אִיר זָאלְט הָאבְּן חֵן בַּיי אַייעֶר מַאן, און עֶר זָאל הָאבְּן חֵן בַּיי אַייךְ; עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק.

מָרַת ... תִּחְיֶ', הֶעלְפְט מִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטֶעטְל. אִיךְ דַארְף אַז יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אַזוֹי ווִי אַייךְ זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן, און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁטֶערְן; אַז דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן טוּן דִי ווִילְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁמִירְן דִי נֶעגְל מִיט נֶעי"ל פַּאלִי"שׁ, סַיי מִיט אַ קָאלִיר, סַיי דוּרְכְזִיכְטִיג, און אַז מֶען וֶועט זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן דִי צְוֵויי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע הוּנְט; עֶס אִיז דָא בַּיי דִי שֵׁדִים, בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע - צְוֵויי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלִיפּוֹת, אֵיינְס אִיז נֶעגְל און אֵיינְס אִיז הָאר, זֵיי בְּרֶענְגֶען קְרֶענְק, זֵיי בְּרֶענְגֶען צָרוֹת, אָרֶעמְקֵייט; אוֹי וֵויי ווִי שְׁרֶעקֶעדִיג זֵיי זֶענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים דַף עט ע"א; פִּנְחָס רמח:) אַז דִי נֶעגְל און הָאר וָואס וַואקְסְט אִין דִי אוּמְרֵיינֶע טֶעג דַארְף מֶען אָפְּשְׁנַיידְן און אַוֶועקְוַוארְפְן, וַוייל עֶס לִיגְט אוֹיף זֵיי אַ שְׁטַארְקֶע טוּמְאָה, סַיי פוּן דִי הֶענְט און סַיי פוּן דִי פִּיס.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְטוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוֹיף מִיר אוֹיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער בִּכְלָלִיּוּת, וּבִפְרָטִיּוּת מִיט דִי שְׁטֶעטְל; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער מִיטְ'ן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, נָאר כְּדַאי עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען אִיךְ הֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא

מִשְׁפָּחוֹת וָואס גֵייעֶן נִשְׁט אוֹיף דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"ש - גֵייט מִיר דָאס בִּיזְן הַארְץ, נֶעכְטְן הָאט מִיר אַזוֹי גֶעדְרוּקְט בַּיים הַארְץ וֶוען צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת וִוילְן זִיךְ צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, בֶּעטְס פַּאר מִיר; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק.

...

## מֶען מוּז הָאבְּן אַ קִיאָסְק אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אֶפְשָׁר דָאךְ קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דָא אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, זֵיי זָאלְן נִשְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם כֵּלִים. גְלַייךְ וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה אַז אִיךְ דַארְף אַ קִיאָסְק, אִיךְ וִויל נִשְׁט אִינְגֶעלַייט זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קַיין כֵּלִים.

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט דְרֵיי יָאר פוּנֶעם שְׁטֶעטְל אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא. אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דִי שְׁטֶעטְל, וָואס דַארְף אִיךְ אַ שְׁטֶעטְל? אִיךְ וִויל דָאךְ נָאר דָאס, אַז מֶען זָאל לֶעבְּן דָא בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג הֶער אִיךְ אַז נָאךְ אוּן נָאךְ קוֹיפְן זִיךְ טֶעלֶעפָאוֹנְס, טֶעבְּלֶעט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִשְׁט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן; זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, מֶען דַארְף קֶענֶען זֶען אִימֶעילְס, מֶען דַארְף קֶענֶען זֶען דִי בַּאנְק וְכוּ' וְכוּ'; אֶפְשָׁר דָאךְ קֶענְסְטוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ.

דִי קִיאָסְק וָואס אִיז יֶעצְט דָא אִיז סְתָּם חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן פוּן מִיר; וואוּ קִיאָסְק, וָואס קִיאָסְק... אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ נֶעמֶען מַיין דִירָה הֶעכֶער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ? אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן מַיין וַוייבּ אוֹיבּ עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים. עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי

כּוֹלֵל בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה, לְמַעֲשֶׂה, דֶער דַיָין שְׁלִיטָ״א, דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל - ווִיל עֶנְדֶערְשׁ עֶס זָאל בְּלַייבְּן אוּנְטְן אִין שׁוּל.

גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר, דִי אַלֶע וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת, זֵיי פָאלְגְן צַדִיקִים, פָאלְגְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט - דִי וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן דִי אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים אוּן הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים...

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק, דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשְׁטוּרֶעמְט אַ וֶועלְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קַיין טֶעלֶעוִויזְשְׁן מִיט רַאדִיָא, דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט - דִי הָאבְּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ נֶאֱמָנִים לַה׳, אוּן דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעלַאכְט, זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ נֶעבֶּעךְ זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; הָאסְט דָאךְ אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ אַ שֵׁיינֶעם פֶעלְד, קֶענְסְט אַרוּמְגֵיין אִין דַיין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

״טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אוּן בְּרִיט, עֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ; טַאטֶע, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר, עֶס גֶעבְּט זִיךְ גָארְנִישְׁט קַיין רִיר, אִיךְ וֶוער נָאר אַלְץ וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּן דִיר, טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר״.

אוֹי ווִי זִיס, אוֹי ווִי גֶעשְׁמַאק - וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער, דִי לֶעבְּן וֶוערְט אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**עֶרֶב שַׁבָּת אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר אַרְבֶּעט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַזוֹי גֶעטְרֵייַ וִוי דוּ הֶעלְפְּט מִיר - אַזוֹי גֶעטְרֵייַ דַארְפְּסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּב, הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי שְׁפִּירְט וִוי זִי קֶען נִישְׁט מֶער, דִי אַרְבֶּעט אִיז אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, בִּפְרַט עַרְבֵי שַׁבָּתוֹת, דֶעמָאלְט דַארְף זִי מֶער הִילְף.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דִי אַרְבֶּעט; עֶרֶב שַׁבָּת אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר אַרְבֶּעט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים נ:) עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶערְבֵּיי קַיין סִימָן בְּרָכָה, וַוייל מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אִיךְ שְׁפִּיר שְׁלֶעכְט פַאר אִיר, אִיךְ וֶועל אִיר אוֹיךְ דַארְפְן שְׁרַייבְּן, זִי זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן דִיר אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן שְׁטוּב אַזוֹי סַאךְ מִיר צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיּוּמִים; אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר מֶער דֶערְצֵיילְן וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוּן וָואס דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים - וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**אַ פְּלֶעי גֶעבּוֹיט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס מַעֲשִׂיּוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר מִיט אַייעֶר מַאן טוּעֶן פַאר דִי מוֹסְדוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען אִיר לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת פַאר דִי

פָארְשְׁטֶעלוּנְג (פְּלֶעי) וָואס בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת טוּעֶן אַהֶערְשְׁטֶעלְן; דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם וְתָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט).

אִיךְ וֵוייס אִיר אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר לֵייגְט אַרַיין טָאג אוּן נַאכְט פַּאר דֶעם, דֶערְפַּאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט וויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי פְּלֶעי. וֶוער עֶס הֶעלְפְּט פַּאר דִי פְּלֶעי הָאט אַ חֵלֶק אִין הֲפָּצָה, אוּן אוֹיךְ אִין חִינוּךְ, אוּן אִין נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן.

מִן הַסְתַּם זֶענְט אִיר שׁוֹין גֶעוֶועןבַּיי אַנְדֶערֶע פְּלֶעי״ס, קֶענְט אִיר זֶען דִי חִילוּק פוּן אַ פְּלֶעי גֶעבּוֹיט אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס מַעֲשִׂיּוֹת; עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק מוּסָר הַשְּׂכֵל, אֵיין שְׁטִיק יִרְאַת שָׁמַיִם, אֱמוּנָה וְכוּ׳.

אוֹיבּ אִיר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט נָאר אוֹיף אָדֶער הֶעלְפְּן דִי פְּלֶעי אָדֶער תְּהִלִים, דַאוֶוענֶען וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְּן מִיט דִי פְּלֶעי.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...